ELI J. & CLARA SAUL
2043 N. BEACHWOOD DR.
HOLLYWOOD, CALIF. 90068

# זאַמלביכער

1

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו יאָרק מאַי 1936

Copyright by
"SAMLBICHER"
New York, 1936

490
אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע סטריט
ניו־יאָרק, נ. י.

יהואש

מנחם באָריישא

ל. טרייסטער

יצחק באַשעוויס

# אויף אַן אַלטער שיף

פון דעם טאָג אָן, וואָס נאַטאַן שפּינדל, דאָס קליינע מענטשעלע מיט דעם שטייפן קאַפּעליושל אויף דעם שפּיץ קאָפּ און מיט די ווייבערישע הענטלעך האָט באַקומען פון זיין פעטער די וויזע קיין דרום-אַפריקע, האָט ער אויפגעהערט צו געבן זיינע לעקציעס, צו גיין טאָג־איין, טאָג־אויס אין דער וואַרשעווער שטאָטישער ביבליאָטעק און איז אַפילו זעלטן אַריינגעקו־מען אין דעם קליינעם קאַווע־הייזל, וואו ער האָט אין משך פון יאָרן יעדן אָוונט געגעסן נאַכטמאָל און געשפּילט אין שאַך. ער האָט איצט געהאַט איין טואונג: צו איילן פון איין אַמט צום אַנדערן אַרויסצובאַקומען דעם אויסלענדישן פּאַס. אַזוי ווי ער האָט אויך קיין אינלענדישן נישט געהאַט, האָט ער געמוזט אָנהויבן אַלץ פון אָנהייב אָן. צו באַווייזן, אַז ער איז אַ בירגער אין דעם לאַנד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער געדאַרפט אַרויסבאַקומען אַ צייגניש, אַז ער איז פאַרשריבן אין די „באַשטענדיקע באַפעלקערונג־ביכער". ער איז אָבער אין אָט־די ביכער נישט געווען פאַרצייכנט און ער האָט דערפאַר געזאָלט ברענגען אַן אויסצוג, אַז זיין פאָטער איז אין אַזעלכע ביכער איינגעשריבן. צוליב דעם האָט ער געמאַכט אַ נסיעה ערגיץ אין אַ קליין שטעטל נעבן דער באַלשעוויסטישער גרעניץ, וואוהין ער האָט זיך געשלעפּט אַ קנאַפּן מעת־לעת, מיט דער באַן און אַקס. דאָרטן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין דער מלחמה איז דער אַרכיוו פאַרברענט געוואָרן. דער הויכער דאַרער שנג מיט דער לאַנגער בלאַסער נאָז און מיט די קליינע קורצזיכטיקע אייגעלעך, וואָס צו אים האָט נאַטאַן שפּינדל איצט געמוזט אָנקומען, האָט מיט באַדויערן געשאָקלט מיט זיין שמאָלן פערדישן קאָפּ. ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע ביינערדיקע הענט, אויף וועלכע עס זענען געזעסן צוויי ביורא־אַרבל פון שוואַרצן אונטערשלאַק, אַ סימן, אַז ער קאָן נישט העלפן, און גע'טענה'ט:

— עס איז שלעכט!... עס איז נישטאָ קיין שום אויסוועג!...

עס איז געווען נאָך־סוכות. דער גרויסער פיר־עקיגער מאַרק האָט אויסגעזען נאָך די רעגנס ווי איין גרויסער זומפּ. די הייזלעך — קרומע, אַרומגעקלעפּטע מיט ליים, האָבן אויסגעוויזן פונדערווייטנס צו שטיין אין בלאָטע ביז צום גאַרטל. די מאָביק־גרין־געלבלעכע דעכלעך האָבן זיך געשפּיגלט אין די ברייטע קאַלוזשעס מיט אַלע זייערע לאַטעס, און עס

האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אונטן ליגט נאָך אַ שטעטל, אַ וויסטס, אַ אונ־טערוואַסערדיקס, פול מיט יענער־וועלטישער מרה־שחורה. די שייבלעך אין די קליינע פענצטער זענען געווען שוואַרץ, ווי אין חורבות. אַרום די עטלעכע נאַקעטע, אָפּגעשיילטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן אַרויס־געשטאַרצט דאָ און דאָרטן, זענען אַרומגעפלויגן קראָען מיט אַ קראַקעריי, און נאַטאַנ׳ען האָט זיך מיט איינמאָל אויסגעדוכט, אַז ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ אויסגעשטאָרבענעם ישוב, אַ פאַרגעסענעם פון גאָט און פון לייט. אַ וואַסער־טרעגער, מיט פאַרשאַרצטע פאָלעס, מיט אַ נאַסער באָרד און צעשויבערטע פאות, ווי עפּעס אַ למדן־וואָוו׳ניק, האָט אים אַן עצה געטאָן, ער זאָל גיין אין בית־המדרש אַריין.

— דאָרטן וועט מען אייך זאָגן, וואָס איר האָט צו טאָן! — האָט דער וואַסער־טרעגער געדזשאָמדזשעט מיט זיין אָן־ציינעק מויל און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער — אָט דאָרטן! . . .

און נאַטאַנ׳ען האָט זיך אויסגעדוכט גלייך דער ייד וואָלט געהאַט דערביי אַ טיפערן מיין און גלייך ער וואָלט געוואָלט אים וואָרענען: געגנוג געבלאָנדזשעט! . . . גיי צוריק, פון וואַנען דו שטאַמסט! . . .

אין ביתמדרש זענען די ווענט געווען שוואַרצלעך, ווי אין אַ באָד. די פּאָליצעס זענען געווען ליידיק, אָן ספרים. עטלעכע אידן האָבן זיך אַרומגעדרייט אַהין־און־צוריק, אַהין־און־צוריק. פריער האָבן זיי נישט געהערט וואָס דער פרעמדער זאָגט צו זיי און זיי האָבן אָנגענויגט די אויערן, ווי טויבע. ווען זיי האָבן שוין פאַרנומען, אַז ער רעדט יידיש לשון, האָבן זיי ערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. ערשט צווישן מנחה און מעריב, ווען דער עולם איז גרויס, האָט נאַטאַן שפּינדל געפונען יידן, וואָס האָבן געקאָנט זיין טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק. דער ראש־הקהל האָט אויסגעפונען אַן עצה.

— צוויי עדות וועלן אוועקגיין אין מאַגיסטראַט אַריין און שווערן, אַז אייער טאַטע עליו־השלום איז אַ היגער! דעם שגץ וועט מען דאַרפן עפּעס געבן אין יד אַריין. . . .

צומאָרגנס האָבן צוויי אַלטע יידן, הייזער־גייער, געטאָן אַ שבועה, אַז זיי האָבן געקאָנט נאַטאַנ׳ס פאָטער. דער ראש־הקהל האָט זיך ע׳סוד׳עט מיט דעם שגץ און נאַטאַן האָט אַרויסבאַקומען שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיין פאָטער איז דאָ אַ נכתב. דערפאַר האָט נאַטאַן שפּינדל געגעבן עטלעכע גילדן פאַר קהל, אַ נדבה פאַר דער שול, דער מקווה, חברה קדישא און אויך צו פאַרריכטן דאָס בית־מדרש. איידער

ער איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט מען אים געפֿירט אויף דעם בית־עולם, וואו טאַטע־מאַמע זענען געלעגן. אויף דער מאַמע׳ס קבר איז קיין מצבה נישט געווען. עס האָט בלויז דאָרטן געשטעקט אַ פֿאַרפֿוילט ברעטל. דעם טאַטנ׳ס מצבה איז געווען האַלב איינגעזונקען און אַרומגעוואַקסן פֿון אַלע זייטן מיט עפּעס־אַזעלכע געלבלעך־בלאַסע שטרויען, וואָס האָבן דערמאָנט אין דעם קאָליר פֿון דעם טאַטנ׳ס באָרד. דער האַלב־רונדיקער שטיין, אַ צעלעכערטער פֿון רעגן, ערדיק־גרוי, האָט אויסגעזען זיך צו טוליען צום איינגעפֿאַלענעם בערגל, גלייך ער וואָלט וואָס־גיכער געוואָלט אַראָפּ אונטן און נישט אָנקוקן מער די שיין פֿון דער וועלט. . . .

אַלץ איז אָנגעקומען שווער. נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעקראָגן אַ ציינגניש, אַז ער איז אַ נכתב, האָט ער ערשט געמוזט האָבן אַ מעטריקע און נאָך דער מעטריקע—נאָך אַנדערע דאָקומענטן. יעדעס מאָל האָט ער געדאַרפֿט אָנגעבן אַ ביטע, און אויף יעדן בויגן האָט מען געמוזט קלעפּן מאַרקעס. די שקצים און די שיקסעס, וואָס זיצן אין די אַמטן בלויז ביז דריי אַזייגער בייטאָג, האָבן אים געהאַלטן אין איין אָפּשיקן איינער צום אַנדערן און מען האָט נישט אויפֿגעהערט צו געפֿינען אויף אים עברות און צוטשעפּעניש. ער האָט געמוזט אַרויסקריגן אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט מאָראַליש, און אַ פּאַפּיר, אַז ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן באַשטראָפֿט. דער שטייער־אַמט האָט זיך מיט איינמאָל דערמאָנט אין אַ לאַנג־פֿאַרגעסענעם שטייער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז אין זיין מיליטער־ביכל איז עפּעס נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און מען האָט אויפֿסניי אים געהייסן שטיין צו אַ קאָמיסיע. ער האָט געציטערט פֿון קעלט, ווען ער האָט אַ נאַקעטער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר די צוויי יונגע דאָקטוירים, אָנגעטאָן אין מיליטערישע מלבושים. אַ ברייטער פּאָלקאָווניק, מיט אַ פֿולער ברוסט מעדאַלן, האָט מיט חוזק געשאָקלט איבער אים מיט דעם קאָפּ און געבלינצלט וואוילעריש מיט איין אויג. די דאָקטוירים האָבן באַ־באַטראַכט זיינע הענט, געהייסן אויפֿהויבן די פֿיס, און אים געקוקט אין די ציין אַריין, ווי אַ פֿערד. זינט ער האָט אָנגעהויבן באַמיען זיך וועגן דעם פּאַס, איז ער אויסגעמאָגערט געוואָרן, ווי פֿון שווינדזוכט. די ריפּן האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי רייפֿן, דער בויך האָט שלאַבריק נאָכגעהאַנגען ווי אַ ליידיקע טאָרבע און פֿון שוואַכקייט זענען די אויגן געווען רויט. דער פּאָלקאָווניק האָט צו אים געפּאָכעט מיט זיין קולאַק.

— האָסט דיך געצערט, אויסוואורף! — האָט ער גע'טענה'ט צו אים — מיר קאָנען זיך אויף אַזעלכע שטיק! . . .

און ער האָט עפּעס פאַרשריבן מיט אַ בליישטיפט אויף אַ בויגן, ווען ער האָט סוף־כּל־סוף אַרויסבאַקומען דאָס שוואַרצע ביכל מיט דעם גאָלדענעם אָדלער אויף דעם פאָדער־בלעטל, האָט ער זיך געשפּירט ווי נאָך אַ קראַנקייט. פון מורא, מען זאָל אים דעם פּאַס נישט אַרויס־גנב'ענען, פלעגט ער זיך יעדעס מאָל אַ כאַפּ טאָן ביי דער זייט, וואו עס געפינט זיך די בוזעם־קעשענע. ביינאַכט פלעגט זיך אים חלומ'ען, אַז אַ גנב האָט ביי אים דעם פּאַס אַרויסגעריסן פון די הענט און ער אַנטלויפט. ער, נאַטאַן, יאָגט אים נאָך, ער לויפט מיט אַלע כּחות, אָבער זיין האַרץ ווערט דערפון אַלץ שוואַכער און די פיס שטייען אָפּ. ער וויל שרייען, אָבער זיין קול קומט אַרויס אַ הייזעריקס, אַ פאַרשטיקטס, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאַרשטאָפּט מויל. פּלוצלינג פלעגט ער אַ ציטער טאָן, אַז דאָס בעט האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן צוזאַמען מיט אים, און ער האָט זיך אויפגעריסן אַ באַגאָסענער מיט קאַלטע שווייס. כאָטש דער פּאַס איז געלעגן הינטער דעם קישן, האָט ער שעה'ן לאַנג דערנאָך נישט געקאָנט איינשלאָפן.

— מער פעלט מיר נישט! — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין אין דער פינצטער. — ווייַ — ווייַ!...

איצט האָט זיך אין די טעג אָנגעהויבן אַ וואַנדערן איבער די שיף־געזעלשאַפטן. דער פעטער פון יאָהאַנעסבורג, דער איינציקער קרוב, וואָס איז געבליבן לעבן, האָט נישט צוגעשיקט קיין שיף־קאַרט, נאָר אַביסל געלט. דער גרעסטער טייל איז אַוועק אויף דעם פּאַס און געבליבן איז איצט נאָר ווייניג. כאָטש נאַטאַן איז גרייט געווען צו פאָרן דריטע קלאַס און אפילו צווישן דעק, האָט ער אין ערגיץ נישט געקאָנט באַקומען די רייזע פאַר די עטלעכע פונט, וואָס זענען אים געבליבן. עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דאָס, וואָס ער האָט פאַרקויפט זיינע ביכער, דאָס איינציקע פאַרמעגן. געטהע, שעקספּיר, די צוואַנציק־בענדיקע ענציקלאָפּעדיע, די ווערטער־ביכער — אַלץ איז שוין געווען פאַר'תכלי'ועט, אָבער אויף קיין שיף־קאַרטע איז נאָך אַלץ נישט געווען. עס איז געבליבן בלויז איין עצה: דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַוועקצוגיין ערגיץ אין די וואוילטעטיקע געזעלשאַפטן, וואָס פאַרזאָרגן אָרימע אימיגראַנטן. אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגע־קומען אין דעם וואַרט־זאַל און דערזען פאַר זיך דעם עולם, וואָס וואַרט

אויף שטיצע, האָט ער זיך גענומען רוקן אויף צוריק. אויף לאַנגע בענק זענען געזעסן אַלע ליט, ווייבער אין גרויסע שיטלען און מיט קאָפּקעס אויף די קעפּלעך. אין מיטן שטוב האָבן זיך געשפּילט אויסגעבליכטע קינדער. פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט שפּיי־קעסטלעך און עס האָט געשמעקט מיט יאָד און צאָן־וויטאָג, ווי אין אַ שפּיטאָל. ערגיץ אין אַ צווייט צימער האָט אַ דאָקטאָר געהיילט די אויגן פון אַ מיידעלע, וואָס לײַדט אויף טראַכאָם. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט איר דאַרטן געוואָלט אַ ריר טאָן ביי די קראַנקע אויגן, האָט די קליינע זיך צושריגן, ווי פון אַ ברי. מען האָט געהערט ווי דער דאָקטאָר טענה׳ט צו איר:

— איז גוט, די מאַמע מיט די שוועסטערלעך און די ברידערלעך וועלן אַוועקפאָרן צום טאַטן... און דו וועסט דאָ בלייבן... יאָ, יאָ...

און די קליינע האָט, ווייזט אויס, שוין מסכים געווען אויף אַלע־מען, ווייל באַלד האָט מען ווידער דערהערט אַ קוויטש. די קליינע האָט זיך אַזש פאַרקייכט, און דער דאָקטאָר האָט אַלץ גע׳טענה׳ט:

— איז גוט, וועסט דאָ בלייבן... בלייבן...

ער איז צוריקגעגאַנגען פון דאָרטן אַן איינגעבויגענער, אַן אויסגע־ליטערטער, ווי נאָך אַ תענית, מיט עפּעס אַן אינעווייניגסטער קלאָר־קייט, אַז זיין מי איז געווען אומזיסט. ער וועט שוין פון דעם לאַנד קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. זיך איילען האָט ער מער נישט געהאַט צו וואָס. די לעקציס האָט ער געהאַט אָפּגעלאָזט און אַנדערע האָבן פאַרנומען זיין אָרט. קיין נייע קאָן מען היינטיקע צייטן נישט באַקו־מען. עס איז געבליבן איין זאַך: זיך אַוועקצולייגן אין בעט אריין און שטאַרבן.

ער האָט נישט געזעהן וואו ער געהט. די קליינע פּיס, וואָס זענען געזעסן אין אַ פּאָר גרויסע טיפע קאַלאָשן, האָבן אַליין געפירט ערגיץ איבער די גאַסן, וואָס זענען געווען סיי היימיש און סיי פרעמד. דער טאָג איז געווען אַ נאַסער, אַ פאַרוואָלקנטער, די לופט איז געווען געלב־לעך. קנוילן נעפּעל האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם ברוק, ווי שטיקער רויך נאָך אַ פאַרלאָשענער שרפה. כאָטש עס איז נישט געווען גליטשיק, זענען בסדר געפאַלן משא־פערד, ברייטע, מיט נאַסע צושמיסענע פעלן און מיט האָריקע פיס. די בעל־עגלה׳ס האָבן געקנאַקט מיט די פאַר־קערטע זייטן פון די בייטשן, פאַרבייגעער האָבן געהאָלפן און געשריגן מיט גראָבע קולות. די פערד האָבן געקלאַפּט מיט די אייזערנע

פּאַרקאָוועס אין די שטיינער, אַז פּונקן זענען געפֿלויגן. די פֿאַרע האָט געזעצט נישט בלויז פֿון זייערע נאָז־לעכער, נאָר אויך פֿון האַלז, פֿון בויך, פֿון די ברייטע היפֿטן. די גרויסע טונקעלע אויגן, פֿול מיט שוואַרצאַפּל, האָבן געקוקט מיט דעם צער פֿון שטומע באַשעפֿענישן. פּלוצ־לינג האָט נאַטאַן אַ ציטער געטאָן. אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר האָט ער דערזען אַ שילד פֿון אַ שיף־געזעלשאַפֿט, וואו ער איז ביז איצט קיינמאָל נישט געווען, און וועלכע ער האָט אַפֿילו ביז איצט נישט געזען, כאָטש ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט דאָ פֿאַרבייגיין.

דאָס ביוראָ האָט זיך געפֿונען אין אַ פּשוט געוועלב, מיט אַ קליין שוי־פֿענסטער. די שילד איז געווען אַן אַלטע, אַ האַלב־אָפּגעמעקטע, ווי פֿון אַ קראָם, וואָס שטייט שוין לאַנג געשלאָסן. די שויב איז געווען נישט־געפּוצט און פֿאַרקאַלכט, גלייך מען וואָלט אינעווייניק געמאַכט אַ רעמאָנט. עס איז דאָרטן געלעגן אַ צוקנייטשטע מאַפּע פֿון דער וועלט. אויף דעם אָפּגעקראָכענעם בלוי, וואָס האָט פֿאָרגע־שטעלט די ימים און אָקעאַנען, האָבן געשטעקט פֿאַרזשאַווערטע שפּיל־קעלעך, וואָס האָבן אָנגעוויזן דעם וועג פֿון די שיפֿן. ווען נאַטאַן האָט געעפֿנט די טיר, האָט ער דערזען אַן אַלטן שרייב־טיש, נעבן וועלכן עס איז געזעסן אַ יונגערמאַן און האָט זיך געפּאַרקעט מיט אַ פֿעדער. צווישן די פּאַפּירן איז געלעגן אַ שטיקל ברויט און עס איז גע־שטאַנען אַ טעפּל. דער יונגערמאַן, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, אַ שלעכט־ראַזירטער, האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, ווען נאַטאַן איז אַריינגעקומען. עס האָט אויסגעזען, אַז מען איז דאָ נישט געוואוינט עמיץ זאָל עפֿענען די טיר.

— די שיף־געזעלשאַפֿט עקזיסטירט נאָך? — האָט נאַטאַן געפֿרעגט.

— עקזיסטירט — האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט מיט אַ טאָן, ווי איינער זאָגט: אַז אָך און ווי צו אַזאַ עקזיסטירן!...

— עס גייען שיפֿן?

— ס׳גייען...

— איך וויל פֿאָרן קיין דרום־אַפֿריקאַ...

נאַטאַן האָט גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם וויפֿיל געלד דער פֿאָס האָט אים אָפּגעקאָסט און וויפֿיל עס איז אים איצט געבליבן. דער יונגערמאַן האָט אים אויסגעהערט זייטיק און מיט אַ מינע פֿון איינעם, וואָס האָרכט זיך צו צו יענעמס רייד, כאָטש ער ווייסט פֿאָרויס,

אַז עס וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. זיין נאָז איז געוואָרן לענ־גער און שפּיציקער.

— ס'גייט נישט אין געלד... מיר וואָלטן אייך אפשר גענומען פאַר די פּאָר פונט, וואָס איר האָט... מיר וואָלטן די רעשט ביי אייך צוריק־געמאָנט... אויפ'ן אָרט... אָבער איר וועט מיט אונדזער שיף נישט פאָרן...

— פאַרוואָס נישט? — האָט נאַטאַן געפרעגט און עס האָבן אים מיט איינמאָל באַגאָסן אַנגסטן.

— זעט איר, איך וואָלט אייך באַדאַרפט צורעדן — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט און דאָס איינגעפאַלענע מויל האָט ביי אים גענומען ציטערן און זיך איינשרומפּן — אָבער... איך בין אַן אמת'דיקער מענטש, אפשר דערפאַר האָב איך טאַקע אַזאַ פּנים... אונדזערע שיפן זענען אַלטע, אָן באַקוועמלעכקייטן... ביז קיין יאָהאַנעסבורג וועט זי זיך שלעפּן צוויי מאָנאַטן... דאָס עסן אויך נישט פאַר אייך...

—— ווער פאָרט מיט אייערע שיפן?

— אַט, מיר פירן לאַסט... און פויערן...

— ווען גייט אָפּ אַ שיף קיין יאָהאַנעסבורג?

— מאָרגן — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

— וואו קאָן איז איינשטייגן?

— אין דאַנציג.

נאַטאַנ'ען האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן אַריין. זיין קול איז מיט איינמאָל געוואָרן הויל, ווי עס וואָלט זיך אים אינעווייניק עפּעס אָפּגעריסן.

— הערט מיך אויס — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איך האָב צוויי וועגן: אָדער צו פאָרן, אָדער צו שטאַרבן! אויב איר קאָנט מיר העלפן איך זאָל מאָרגן אָוועקפאָרן, ראַטעוועט איר מיך פון אַ זיכערן טויט! דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג!...

און ער האָט מיט איינמאָל אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם עטלעכע צוקנייטשטע באַנקנאָטן און דעם פּאַס וואָס איז איינגעוויקלט געווען אין אַ סך פאַרפעטסטע שטיקלעך פּאַפּיר. דער יונגערמאַן האָט אַריינ־געקוקט, געבלעטערט, ווי ער וואָלט זיך נישט געגלייבט, אַז אַלץ קאָן דאָרטן זיין ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דערנאָך האָט ער מיט ציטערנדיקע פינגער איבערגעציילט די באַנקנאָטן.

— איך זאָג אייך פאָראויס, אַז עס זענען דאָרטן נישטאָ קיין שום באַקוועמליכקייטן! די שיף איז אַן אַלטע! — האָט דער יונגערמאַן

געוואָרנט — עס איז נישטאָ מער ווי איין קלאַס! איר קאָנט זי אָנ־רופן די דריטע אָדער די פערטע!

— אַ בעט צום שלאָפן וועל איך האָבן?

— יאָ, דאָס יאָ...

— און ברויט מיט וואַסער אויך?...

— ברויט מיט וואַסער אויך!...

— אויב אַזוי איז נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט נאַטאַן געשריגן

— איך פאָר!...

און ער האָט מיט איינמאָל ארויסגענומען פון קעשענע אַ בלויע נאָז־פאַטשעלקע און געווישט דעם שטערן, ווייל ער איז איינגאַנצן אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס, ווי עמיץ, וואָס ווערט פּלוצלינג און אומגעריכט אָפּגעראַטעוועט פון אַ גרויסער סכנה. אַ פוס האָט ביי אים גענומען ציטערן, דאָס האַרץ אין דער לינקער זייט האָט זיך צור־נויפגעקאָרטשעט און עס איז אים אַ ווייסע פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. ביסלעכווייז איז אים ווידער העל געוואָרן פאַר דעם בליק, אָבער עס האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז די ווענד אַרום שאָקלען זיך און וויגן זיך, גלייך ער וואָלט זיך שוין איצט געפונען אין דער שיף און געפאָרן.

—איז אָפּגעמאַכט? — האָט ער געפרעגט.

— אויב איר ווילט, איז אָפּגעמאַכט! — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט קאַלט — פון מיין זייט איז נישטאָ קיין שטערונג... ביטע, זעצט אייך!

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אים צוגעטראָגן אַ הינקענדיק בענקל...

2.

עס איז געווען צומאָרגנס, פאַרנאַכט־צו. צווישן נאָך אַ סך אַנ־דערע שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין דאַנציגער האַפן, האָט אויך גע־רוט די נאָרוועגישע שיף „טראַנדהיים", איבער וועלכער עס האָט געפלאַ־טערט אַ פאַרשמירטע פאָן פון רויט, מיט אַ בלויען צלם אין דער מיטן. די שיפן אַרום — אויסגעלאָשענע, פאַראַנקערט מיט גראָבע שטריק צום ברעג, פוסטע, קאַלטע, — האָבן נאַטאַנ'ען דערמאָנט אין יענע שיפן פון די מעשה־ביכלעך, וואָס זענען דורך אַ שטורם־ווינד פאַרטראָגן געוואָרן אין ים־הקרח און דאָרטן געבליבן שטעקן, ביז די גאַנצע מאַנ־

שאַפט איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט. די הויכע אייזערנע קראַנען אַרום דעם ברעג זענען קעגן דער שיין פון בין-השמשות פאַר־געקומען ווי אַ מחנה ריזן, פאַרצייטישע, יענע־וועלטישע, וואָס זענען צו־ליב עפּעס אַן אוראַלטער זינד פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע ער־טער. גלייך אַזוי אַלט און פאַרלאָזן האָבן אויסגעזען די נידריקע דיק־ווענטיקע שפּייכלערס מיט די האַלב־קיילעכיקע דעמבענע טירן. עטלעכע גראָע מעוועס זענען געזעסן אויף אַ קלאָץ און געקוקט פאַר זיך שטאַר ווי אויסגעשטאָפּטע. נידריק אויף דעם הימל איז געשטאַנען אַ האַלבע לבנה, אַרומגערינגעלט מיט אַ נעפּלדיק ווייסלעך ראָד. זי האָט אויסגעזען ווי אַ הימליש אויג, וואָס קוקט זינט אייביקע צייטן אויף אַ וועלט אַ חרוב'ע, וואָס הערט זיך צו צו איר אייגענער פאַר־שטומקייט.

ביי דער שיף „טראַנדהיים" האָבן זיך געפּאַרעט עטלעכע מאַנס־לייט, אָנגעטאָן אין שמאַטיקע מלבושים. מען האָט איבערגעוואָרפן אַ בריקל און אַראָפּגעקוילערט עטלעכע גרויסע פעסער, מיט ברייטע אייזערנע רייפן. געטאָן האָבן אָט די לייט זייער אַרבעט פויל, שווייגנדיק. גלייך אַזוי אַן אַ וואָרט האָט איינער פון די מענטשן צוגענומען ביי נאַטאַן'ען די שיף־קאַרטע און אים אַרויפגעלאָזט אויף די שיף. די דעק פון דער שיף איז געווען פול אָנגעשטעלט. עס זענען דאָ געלעגן גרויסע קנוילן מיט אַלטע שטריק, אַלערליי פעסער, קאַסטנס און זעק, וואָס זענען צוגעדעקט געווען מיט צעריסענע פּלאַנדעקעס. אַראָפּגע־גאַנגען אונטן איז מען דורך אַ שמאָלער עפענונג, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאָך.

נאַטאַן איז פאַרביי אַ שמאָלן ענגן קאָרידאָר. פון ביידע זייטן האָט זיך געעפנט די קיך. דורך אָפענע טירן האָט מען געזען אַ געדיכ־טע פּאַרע, ווי אין אַ באָד, און אין דער פּאַרע האָבן זיך געפּאַרעט האַלב־נאַקעטע לייט, באַוואַקסענע און נאַסע. אַ היץ האָט פון דאָרטן געזעצט, ווי פון אַ באַק־אויוון און אַ שווערער ריח פון פלייש, פעטס און נאָך עפּעס, פון וועלכן דער אָטעם איז אַזש פאַרכאַפּט געוואָרן און עס האָט געשלאָגן דערפון מיט חלשות. די יונגען האָבן גראָד הויך געלאַכט, און זייער גראָב געלעכטער האָט דערמאָנט אין נישט־גוטע, לצים, וואָס כאַטש זיי געפינען זיך ערגיץ אין שאול תחתיה, מאַכן זיי נאָך אַלץ לצנות. באַלד האָט מען נאַטאַנ'ען גענומען פירן אויפסניי איבער טרעפּ, אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, גלייך די שיף וואָלט נישט געהאַט

קיין דנאָ. נאַטאַנ׳ען האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מען וואָלט אים אַריינ־געפירט אין אַ תפיסה, אין איינע פון יענע אונטערערדישע „קערקערס" וואָס זענען באַשריבן אין די אַלטע ראָמאַנען. ערשט נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אַראָפּ און אַראָפּ, איז מען צוגעקומען צו אַ שמאָלן גאַנג מיט טירלעך פון קאַיוטעס. איינע פון אָט די טירלעך איז געעפנט געוואָרן און מען האָט נאַטאַנ׳ען אַריינגעלאָזט, ווי מען לאָזט אַריין אַ חיה אין אַ שטייג.

ער האָט זיך געפינען אין אַ קליין קעמערל, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שווערער גערוך פון אייל. פיר אייזערנע בעטן זענען דאָ געווען, צוויי פון אונטן און צוויי פון אויבן. אויף דריי בעטן זענען געזעסן האַלב־נאַקעטע פּאַרשוינען, ברוינע, נישט־ראַזירטע, צוקנייטשטע. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַרעסטאַנטן. איינע פון זיי האָט געהאַלטן אין די הענט אַ העמד און האָט דאָרטן געזוכט אומפּליים. ווען נאַטאַן איז אַריינגעקומען, זענען אַלע אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געריכט עס זאָל נאָך עמיץ אַריינפּאַלן אַהער. איינער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן צו נאַטאַנ׳ען, אָבער עס איז געווען אויף אַ פרעמדער שפּראַך. נאַטאַן האָט צעטומלט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט און געוויזן אויף דעם מויל אַ סימן אַז ער קאָן זייער לשון נישט רעדן.

אויף שטום־לשון האָט מען אים אָנגעוויזן וואו אָוועקצושטעלן די וואַליזע און ווי אַזוי אַרויפצוקריכן מיט דעם אייזערנעם לייטערל אויף דעם בעט אויבן. הארט איבער דעם בעט האָט זיך געפונען אַ קליין פענצטערל מיט אַ פאַרפלעקט שייבל. די שיף האָט זיך גענומען רירן פון אָרט. ער איז געלעגן און האָט אַ פאַרגאַפטער אַרויסגעקוקט. סיי דער ים, וואָס האָט קענען דער נאַכט אויסגעזען שוואַרץ, ווי צוגאָסענער פעלז, סיי די שנאָבלען פון די שיפן, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דער־ווייטערט, ווי זיי וואָלטן געשוואוממען אויף צוריק, סיי די האַלבע לבנה, וואָס איז געשטאַנען נידריק, שיר נישט הארט איבער דער פלאַך פון וואַסער, האָבן דורך דעם גראָבן טריבן שייבל אויסגעזען געפלדיק און אָן ממשות, ווי אין אַ מעשה־ביכל. ביסלעכווייז איז דער ברעג אָפּגע־ווישט געוואָרן, די האַלבע לבנה איז אונטערגעגאַנגען און ער האָט בלויז געזען פאַר זיך ים, אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. די כוואַליעס, כאָטש נישט קיין הויכע, האָבן געשוימט, זיך געדרייט אין אַווירבל און גע־שפּריצט, ווי עפּעס אַ ריזיקע חיה, אַן אומגעהייער, וואָלט זיך אינעווייניק

געפּליוסקעט. עס איז געווען ווי ער וואָלט שוין דאָס אַלץ אַמאָל געזען, אין חלום, אָדער עפּעס ווי אין אַ פֿריערדיקן גלגול...

ווייזט אויס, אַז ער האָט אַזוי געקוקט דורך דעם שייבל לאַנגע שעה'ן, ווייל ווען ער האָט סוף־כּל־סוף אַוועקגענומען פֿון דאָרטן דעם קאָפּ, זענען שוין אַלע דריי פּאַסאַזשירן געשלאָפֿן. אַ שווער שנאָרכן האָט זיך צעטראָגן איבער דער קליינער קאַיוטע און אַ געשטאַנק. אויף דעם שוואַרצן אייזערנעם סופֿיט האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמ־פּעלע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ נעץ פֿון פֿאַרזשאַווערטן דראָט. דערפֿון איז די שיין געפֿאַלן אַ שוואַרצלעכע, אַ שאָטנדיקע. סיי די טיר, סיי דער סופֿיט, וועלכן ער האָט כּמעט אָנגערירט מיט זיין פּנים, זענען געווען נאַס, ווי מחמת היץ וואָלט דאָס אייזן געשוויצט. אויף זיין בעט איז געלעגן אַ שוואַרצער צעריסענער קאָץ און אַ קליין קישעלע, וואָס איז אָנגעשטאָפּט געווען מיט שטרוי. ווען ער האָט דאָס קישעלע אויפֿגעהויבן, האָט ער דערזען, אַז הינטער דעם איז אונטער־געלייגט עפּעס אַ מין ברייטער גאַרטל פֿון ראָגזשע־קאָליר. אויף דער וואַנט, האַרט ביי זיין נאָז, האָט געהאַנגען אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט. ווי אַזוי אַ מאַן טוט אָן אויף זיך אַזאַ ענלעכן גאַרטל, און שפּרינגט מיט אים אַריין אין ים אַריין...

יענע נאַכט איז נאָטאַן נישט געשלאָפֿן. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס פּלוצלינג האָט די שיף זיך גענומען וויגן. דערפֿון האָט נאָטאַנ'ען גלייך זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ. עפּעס אַזוינס האָט ער געהאַט איבערגעלעבט, ווען ער האָט זיך אַמאָל אין די יונגע יאָרן גע־הוידעט אויף אַ הוידע און מען האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַזוי הויך, אַז ער איז אַ ווײַלע געבליבן הענגען מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. יעדעס מאָל, וואָס די שיף האָט זיך אַ בויג געטאָן אַראָפּ, ווי זיך איבערצוקערן, האָט אים אַ שלאָג געטאָן צום האַרץ און ער האָט דערהערט אין בויך אַ גיסן און פּליוכן, ווי אויך אינעווייניק וואָלט זיך דאָרטן אַלץ איבערגעקערט. פֿונקן זענען אַזש געפֿלויגן פֿאַר זיינע אויגן. פֿון מורא, אַז ער זאָל נישט אַראָפּברעכן פֿון דער הויך, וואו ער איז געלעגן, איז נאָטאַן אינדערגיך און מיט די לעצטע כּחות אַראָפּ פֿון זייט בעט און איז אַרויס אויף דעם קאָרידאָר. דאָרטן איז ער אַוועק־געפֿאַלן און איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנגע שעה'ן. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך מיט די לעצטע כּחות צוריק אַוועקגעשלעפּט אין דער קאַיוטע. נאָכדעם ווי ער איז אַרויפֿגעקראָכן מיט דעם לייטערל אויף

דעם בעט, איז ער געבליבן ליגן אַ האַלב־פאַר׳חלש׳טער. דער קאָפּ איז געווען פאַרהאַקט, די פיס האָבן געבראָכן און כּמעט ער איז נישט געשלאָפן, האָט זיך די גאַנצע צייט געפירט אין זיין קאָפּ אַ חלום׳דיקער שמועס, ווי ביי עמיצן, וואָס ליגט אין אַ היץ־שלאָפקייט. צומאָרגנס אינדערפרי האָט אים איינער פון די פּאַסאַזשירן געוועקט ער זאָל גיין עסן אין עס־זאַל, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. שפּע־טער־צו האָט אים אַ קעלנער אין פאַרפלעקט רעקל און אין אַ שמוציק פאַרטוך געבראַכט צו עסן. אין איין שיסל זענען געלעגן עטלעכע קאַר־טאָפל אין די שאָלן, אין דער אַנדערער — אַ שטיק פיש, וואָס איז גע־ווען סיי גרינלעך און סיי געלבלעך. פון בלויזן אָנבליק האָט זיך נאָ־טאָנ׳ען ווי איבערגעקערט די גאַל...

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר נאָטאָנ׳ען אַ לעסטיקע נסיעה. די ערשטע עטלעכע טעג איז ער כּמעט אינגאַנצן נישט אַרויס פון בעט. פון דעם שאָקלען און פון דעם וויגן זענען זיינע געדערים געוואָרן ווי איבערגעקערט. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך דורך דעם קליינעם שטיקל שפּיגל, וואָס האָט דאָ געהאָנגען אויף דער וואַנט, האָט ער דערזעהן אַ געל פּנים, אָן אויסגעדאַרטס, מיט אַרויסגעבאַלע־וועטע אויגן און מיט ווייסלעכע ליפּן, ווי פון געלזוכט. דאָס פענצטערל האָט מען נישט געקאָנט עפענען און פון דושנעקייט האָט נאָטאָן געהאַלטן אין איין דרימלען. אָט איז געווען טאָג און אָט איז ווידער געווען נאַכט. ער האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון די טעג אין דער וואָך, ווי אַ מסוכן־שלאָפער, און פון נישט עסן האָט ער זיך דערשפּירט הויל, ווי מען וואָלט אים אַלץ אינעווייניק אַרויסגענומען. ביסלעכוויז האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוקריכן און אפילו צו עסן די קאַרטאָפל אין די שאָלן, מיט וועלכע מען האָט געקאָרמעט אויף דער שיף, אָבער אינגאַנצן צו זיך איז ער נישט געקומען.

דער וועג פון זיין קאַיוטע אַרויף צום דעק איז אים אָנגעקומען שווער. די פיס האָבן זיך אונטער אים אונטערגעבראָכן. בעת דעם אַרויפגיין פלעגט טרעפן, אַז די טרעפּ זענען אים ווי אַקעגנגעלאָפן. דער טריט איז דערפאַר אַרויסגעקומען אַ צו־ברייטער. אַן אַנדער מאָל פלעגן די טרעפּ ווי אַנטלויפן פאַר אים און ער איז אַ פאַל געטאָן אויף הינטערוויילעכץ. אויף דעם דעק איז די לופט געווען אַ קאַלטע און אַ געזאַלצענע. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, דאָס וואַסער האָט אויס־געזען ווי בליי. ווייסע כוואַליעס שוים האָבן געזאָטן וואו ווייט דער

בליק האט דערגרייכט און עס האט געווייעט מיט דעם אָטעם פון וועלט־באשאפונג און בראשית. זעלטן אמאָל האט מען דערזען ערגיץ פונ־דערווייטנס א זעגעל־שיף. דער ווייסער זעגל איז פאָרגעקומען ווי א הויכע ווייסע געשטאַלט, א מת אין תכריכים, וואָס גייט איבער דעם ים. עס האט נישט לאַנג געדויערט און ער איז נעלם געוואָרן, ווי אן אויס־רוכטעניש. א קאַלטער פּראַסטיקער ווינד האט געבלאָזן און די מלבושים פלעגן גיך דורכגעזאַפּט ווערן מיט פייכקייט. ער האט געמוזט באַלד צוריק אראָפּ. אין דעם עס־זאַל, וואָס האט אויסגעזען ווי א קרעטשמע, זענען תמיד געזעסן א סך פּויערים. זיי האָבן אַלע גערעדט הויך, געשריגן מיט זייערע רויע קולות, געשפּיגן פאַר זיך און געדרויכערט שטינקענ־דיקן טאַבאַק. ווי נאָר נאַטאַן איז דאָרטן אריינגעקומען, האָט אים גענומען קרעלן אין האַלז און די נאָז איז אים פארשטאָפּט געוואָרן. צו די געדרוי־כערטע פליישן און צו די געטרוקנטע ים־פיש האט ער זיך נישט צוגע־רירט, און ער האט געשפּירט, אז ער ווערט פון הונגער שוואַכער פון טאָג צו טאָג. עס זענען אפילו נישט געווען קיין באַזונדערע טואַלעט־שטיבלעך, נאָר איין גרויס בשותפות׳דיקע בית־הכסא, מיט אָפענע טירן, ווי אין א קאַזאַרמע. ביי דעם אַלעמען זענען נאָך נישט געהאַט אריבער קיין אַכט טאָג זינט די שיף איז אַרויסגעפאָרן פון דאַנציג. נאָך זיבן לאַנגע וואָכן האט ער זיך געמוזט אַזוי שלעפּן, ביז ער וועט אָנקומען קיין יאָהאַנעסבורג!

— איך וועל שוין קיין לעבעדיקער פון דאַנען נישט אַרויס! — פלעגט ער מורמלען צו זיך אַליין מיט ליפּן, וואָס זענען שוין אָפּגע־וואוינט געוואָרן פון רעדן. — ביטער, ביטער!...

אין איינער א נאַכט, ווען נאַטאַן איז געלעגן אויבן אויף זיין בעט און איז געשלאָפן, האט אים פלוצלינג אויפגעוועקט א קנאַל ווי פון א דונער. די שיף האט זיך יעדעס מאָל געגעבן א בויג־אראָפּ אַזוי, אז דער דיל האט זיך א שטעל געטאָן משופּע און די פיס זענען אויס־געקומען א סך העכער פון דעם קאָפּ. א ווײַלע איז אַלץ אַזוי גע־בליבן קאַפּויר, הענגענדיק אין דער לופט, ווי די שיף וואָלט זיך א קווענקל געטאָן די לעצטע רגע: איבערקערן זיך אָדער נישט? . . . דערנאָך האט זיך די קאַיוטע אַזא שטאַרקן לאָז־אראָפּ געטאָן אין דער אַנדערער זייט, אז עס איז אים פינצטער געוואָרן אין מוח. דורך דעם פארשמירטן שויבל האט נאַטאַן דערזען א ווייסע כוואַ־ליע, וואָס האט א זעץ געטאָן אין דער וואַנד פון דער שיף ווי מיט א

מעכטיקן האמער. די טיר פון דער קאיוטע האט זיך דערביי אויפגע־פראלט. אין דער רגע איז דארטן עמיץ אריין. עס איז געווען איינער פון די מאטראזן. ער איז פלינק ארויף אויף נאטאנ׳ס בעט און האט צוגעשלאסן דאס גראבע אייזערנע דעקל איבער דעם שייבל. דערנאך איז ער פונקט אזוי פלינק אראפגעשפרונגען און איז נעלם געווארן.

יענע נאכט איז נאטאן שוין נישט געשלאפן. אויך די איבעריקע פאסאזשירן האבן נישט צוגעטאן קיין אויג. דאס דונערן אויף יענער זייט פון דער גראבער אייזערנער וואנד האט נישט אויפגעהערט. די שיף האט גענומען גיין פאמעלעך. באטש אינדרויסן איז געווען א שטורם, איז אויף דער שיף געווען שטיל. די מאשינען האבן זיך כמעט אפגעשטעלט און עס האט א שמעק געטאן מיט סכנה.

דער מארגנדיקער טאג האט זיך אויף דער שיף קיינמאל נישט אנגעהויבן. די דעקלעך פון אלע פענסטערלעך זענען געווען צוגעשרויפט און עס האבן בלויז געלויכטן די קליינע עלעקטרישע לעמפלעך. דערווייל האט זיך אויסגעדוכט, אז די נאכט ציט זיך אזוי פון נעכטן אן. פון דעם וויגעניש און טרייסלעניש זענען געווען קראנק ניט בלויז די פאסאזשירן, נאר אויך א טייל פון דער מאנשאפט. די קעלנערס, וואס האבן אריינגעטראגן אין די קאיוטעס עסן, פלעגן פאלן אויף דעם וועג און אלץ אויסגיסן און אויסשיטן. אין די קארידארן איז אומעטום געווען אנגעבראכן, די טואלעטן און דער וועג צו זיי איז געווען פאר־אומריייניקט. נאטאן איז היינט גראד נישט געווען קראנק. ער האט זיך אנגעטאן און געוואלט ארויסגיין אויף דעם דעק. עס האט לאנג געדויערט ביז ער איז ארויפגעקראכן צו דעם לאך, וואס פירט ארויס פון די לאבירינטן. אבער דארטן איז געשטאנען א מאטראז און נישט געלאזט אדורכגיין. נאטאן האט בלויז באוויזן צו זעהן, אז די דעק איז נאס און די ברעטער—וויים־אויסגעריבן, ווי מען וואלט דארטן א גאנצע נאכט געוואשן דעם דיל. דער ים איז אינגאנצן געווען וויים פון שוים. ווען די שיף פלעגט זיך פלוצלינג געבן א לאז אראפ אין איין זייט, האט זיך אויסגעדוכט, ווי דער ים וואלט זיך מיט אמאל אויפגעהויבן, ווי א בארג פון וואסער, און דער הימל — א בלענ־דיקער, פול מיט צעריסענע שטיקער וואלקן — וואלט זיך גידריק אראפ־געלאזט. דערנאך איז דער בארג פון וואסער צוריק אראפגעפאלן און דער הימל האט זיך אויפגעהויבן, גלייך הימל און ים וואלטן געשפילט אין עפעס א קאסמישער שפיל... שטיקער ווינט — קאלטער ווי אייז,

דורכגעזאפּט מיט שטעכעדיקן רעגן — האָבן זיך אריינגעריסן אין דעם קאָרידאָר, וואו נאָטאַן איז געשטאַנען, און זיינע מלבושים זענען באַלד געוואָרן דורכגענומען פון קעלט און נעץ.

עס איז געווען אָוונט־צו. דאָס דונערן אויף יענער זייט פון די שיף־ווענד האָט נישט אויפגעהערט. די שיף האָט זיך איצט געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי שיכור. דער פייפער פון דער שיף האָט געהאַלטן אין איין פייפן, לאַנג און אויסגעצויגן. עס איז געווען ווי דאָס מרוקן פון אַ הייזעריקן אָקס. צווישן דער מאַנשאַפט איז, אַפּנים געווען, אַ בהלה, ווייל מען האָט געהערט די גאַנצע צייט אַ לויפן, אַ שרייען, אַ קנאַקן מיט די טירן. אָבער די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גע־האַלטן שטיל. זיי זענען צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם שטורם, ווי צו אַ שווערער שלאָפקייט. ווער עס האָט נאָך אַלץ געבראָכן מיט דער גרי־נער גאַל און ווער עס האָט בלויז געקרעכצט, שטיל און קורצאָטעמדיק. ווער עס האָט געדרימלט מיט האַלב־אָפענע אויגן, ווי אין פיבער, ווער עס איז מיט ציטערנדיקע פיס געקראָכן טאָן זיין באַדערפעניש. נאָטאַן האָט די לעצטע עטלעכע טעג געהאַט אויסגעפונען אַ מין באַ־העלטעניש, אַ קליינע פּוסטע קאַיוטע, וואָס איז פון קיינעם נישט געווען פאַרנומען. זי האָט זיך געפונען ערגיץ אין סאַמע עק פון קאָרידאָר, אַראָפּצוגיין מיט טרעפּלעך. עס איז געווען אַ קליין קאַמערל, אַ נידריקעס, ווי אַ שטייג. אויסער די צוויי בעטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, זענען געשטאַנען עטלעכע זעק, וואָס האָבן, אַפּנים, געהערט צו דער מאַנשאַפט, און אַ אייזערן לייטערל, אַ טאָפּעלטס. דאָ, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָט נאָטאַן צום ערשטן מאָל זינט ער איז געווען אויף דער שיף, געפּרואווט לייענען אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיטגעבראַכט. כדי די טיר זאָל זיך נישט עפענען יעדעם מאָל, וואָס די שיף האָט זיך אָנגענויגט אין איין זייט, האָט ער אָנגעשפּאַרט אין איר די לייטער. ער איז געלעגן אויף דעם בעט אַ באַגאָסענער מיט שווייס און כאָטש עס האָט אים גאָרנישט וויי געטאָן, האָט ער שטילערהייד אונטערגעקרעכצט, ווי פון געוואוינ־הייט. שפּעטער צו איז אים פּלוצלינג אַ מאַטקייט באַפאַלן, אַז עס איז אים אַזש פינסטער געוואָרן אין קאָפּ, און ער איז איינגעשלאָפן, פול מיט יענער שווערקייט, וואָס קומט פון נישט האָבן מיט וואָס צו אָטעמען. אַזוי שלאָפט מען איין אין אַ הייסן און דעמפּיגן זומער־טאָג, ווען מען קאָן זיך מער נישט אויסבאַהאַלטן פון דער היץ, און מען גיט זיך איינ־

גאַנצן איבער אויף גאָט'ס באַראָט... נאָך איידער די וויעס האָבן זיך צוגעמאַכט, איז דער קאָפּ שוין געלעגן שווער ווי אַ שטיין, און הענד און פיס זענען ביי אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. פינסטערע געשטאַלטן האָבן גלייך גענומען אויפטויכן ווי פון אַ שוואַרצן תהום...

יענע נאַכט איז געווען אַ לענגערע ווי נעכט קאָנען געוויינלעך זיין. ער איז איינגעשלאָפן געוואָרן און אויפסניי אויפגעציטערט, ווי אין פי־בער. אין האַלבן חלום און האַלבער וואָך האָט ער געהערט געשרייען און טרומייטערן, אַ לויפעניש און אַ טומל. עס האָט זיך אים אפילו אויסגעדוכט, ווי עמיץ וואָלט אַ זעץ געטאָן אין דער טיר מיטן פויסט און עפּעס געדופן. שפּעטער איז אים פאָרגעקומען, אַז די וועלט ווערט חרוב. די זון אין הימל לעשט זיך אויס, די שטערן פאַלן אַראָפּ און אין מיטן העלן טאָג ווערט נאַכט. אַ שווער דונערן דערהערט זיך, ווי מעכטיקע פעלזן וואָלטן זיך געקייקלט. באַלד ווערט דער גאַנצער רוים פול מיט געדיכטן שוואַרצן רויך. אַ טונקלקייט נעמט אַלץ אַרום און אַ מרה־שחורה, ווי נאָך אַן אויסגעברענטער שרפה...

פּלוצלינג האָט ער געעפנט די אויגן. אַ ווײַלע האָט ער נישט גע־וואוסט וואו ער געפינט זיך. ער האָט אפילו געהאַט פאַרגעסן ווער ער איז. אַזוי כאַפּט מען זיך אַמאָל אויף נאָך אַ שווערער שלאָפקייט, בעת וועלכער מען איז געווען נענטער אַהין ווי אַהער. עס האָט גענומען אַ לאַנ־גע ווײַלע ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אין וועג, אויף דעם ים. ערשט איצט איז אים מיט איינמאָל אויפגעפאַלן, אַז עס איז צו־שטיל. גלייך די מאַשינען וואָלטן אויפגעהערט צו אַרבעטן, און אַז כאָטש ער האָט נישט פאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע לעמפּל פאַר דעם שלאָף, איז דאָ חושך־פינסטער. סיי די שטילקייט, סיי די פינסטערניש זענען געווען נישט־געוויינלעך, שווער, אָנגעלאָדן. דערצו איז געשטאַנען אַזאַ היץ און אַ שטיקעניש, אַז ער האָט אויסגעפּעלט אָטעם. אַ געפיל — ווי ער וואָלט באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. דאָס האַרץ אין דער לינקער זייט איז אַזש ווי שטיין געבליבן.

— אַ קאַטאַסטראָפע! — איז אים משונה־גיך דורכגעלאָפן דורך דעם רעיון — אַן אומגליק!...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט זיך אויפצוזעצן, אָבער ער האָט דערפון באַקומען אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ אַריין, אַז ער איז אַ פאַל געטאָן אויף צוריק און ער האָט דערפילט ווי עס לויפט אויף אַ גרויסער בייל. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, ווי זיך אין עפּעס

אַנצוכאַפּן, אָבער זי האָט אָנגעטראָפֿן אויף לייִדיקייט. מיט די לעצטע כּחות איז ער אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿשטעלן, גלייך דאָס קעמערל וואָלט געווען איבערגעקערט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס לייטערל צו עפֿענען די טיר, אָבער די פֿיס האָבן אים געשטרויכלט און דער קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרייט. פֿייערדיקע פֿונקען האָבן אָנגעהויבן פֿליען פֿאַר די אויגן. קאַלטע אַנגסטן האָבן אים באַגאָסן. צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָט ער אַ רוף געטאָן:

— אוי, מאַמע!...

ער האָט דאָס לייטערל פֿונדעסטוועגן אומגעוואָרפֿן און איז אַרויס אויף דעם קאָרידאָר. אָבער דער דיל איז דאָרטן געגאַנגען באַרג אַרויף און ער האָט געמוזט קלעטערן. ער האָט בלינדערהייט געעפֿנט די קאַיוטע־טירלעך אין בײדע זייטן און גערופֿן, אָבער דאָס קול איז פֿאַרשטיקט געוואָרן און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די אייגענע ווערטער, ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ פֿרעמד לשון. ער איז געגאַנגען און געפֿאַלן, זיך צוקלאַפּט און ווידער אויפֿגעשטאַנען. ביים סוף פֿון קאָרידאָר האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערזען געשטאַלטן אין דער פֿינסטערניש, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערנעהנטערט, זענען זיי ווי צעגאַנגען געוואָרן. ער איז שטיין געבליבן, האָט אויסגעשפּיצט די אויערן און זיך לאַנג צוגעהערט. אַ ווײַלע האָבן זיך אים די האָר אויפֿגעשטעלט: עמיץ האָט דאָ הויך געכראָפּעט, ווי אין שלאָף. נאָד באַלד האָט ער אַ ציטער געטאָן: עס איז געווען זיין נאָז, וואָס האָט געשנאָרכט אויף איר אייגענער אחריות...

פֿון דאַמאָלס אָן האָט נאָטאַן מער נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. עס איז געווען גלייך דער פּחד וואָלט אים שיכּור געמאַכט און די גלידער האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון גוף און יעדעס האָט געטאָן דאָס זייניקע. די הענט האָבן געטאַפּט אין חשכות, די פֿיס זענען געקראָכן, דאָס מויל האָט גערופֿן און גערעדט, ווי עס וואָלט זיך אויסגעטענה׳ט מיט עמיצן, אַן אונגעזעענעם. אָט איז ער געבליבן שטיין פֿאַר אַ בלינדער וואַנט און אָט זענען אויסגעוואַקסן טרעפּ, ווי דורך אַ נס. אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער גייט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. דערנאָך איז ער געבליבן הענגען אויף איין טרעפּל, און ער האָט מיט בײדע הענט געזוכט אַן אָנטשעפּעניש, ווי אַ בלינדער וואָרעם. טירן האָבן זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט,

װענד זענען געװאָרן דילן. פּלוצלינג האָט אַ װײַע געטאָן אַ קיל װינטל און אַ רױש האָט זיך דערהערט, װי דאָס ראָלן פֿון רעדער. ער איז אַרום אויף דער דעק.

עס איז נאָך געװען נאַכט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געזען שטערן. פֿון צװישן אַ ריס אין װאָלקן האָט אַרױסגעקוקט אַ בלענדיק שטיק לבֿנה. אַן אײַז־קאַלטער װינט האָט געבלאָזן. די דעק האָט זיך אויפֿגעהויבן משופּע. נאָטאַן האָט געמוזט פֿעסט זיך אָנהאַלטן אין דער באַריערע, אַז דער װינט זאָל אים נישט אָװעקרײַסן. װען ער איז אַרויפֿגעקומען אויבן, איז ער אַ װײַלע געבליבן שטיין און שװײַגנדיק אַראָפּגעקוקט, װי עמיץ, װאָס דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, און באַטראַכט פֿון דאָרטן דעם טאָל אונטן. כאָטש דער שטורם איז שוין געװען פֿאַריבער, האָט דער ים נאָך אַלץ געקאָכט װי אַ קעסל, אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. קעגן מטושטש פֿאַרטאָגישן ליכט האָבן כװאַליעס זיך אויפֿגעהויבן, װי מענטשן, אינדערגיך צוגעלאָפֿן צו דער שיף, אָנגעשריגן אויף איר און אָפּגעטרעטן אויף צוריק. זייערע שוימיקע שפּיצן האָבן פֿונדערװײַטנס אויסגעזען װי קעפּ מיט װײַסע היטלען. באַלד זענען אָנגעלאָפֿן אַנדערע אויף זייער אָרט, צונויפֿגעשלאָסענע, װי זיי װאָלטן זיך געהאַלטן ביי די הענט, שטרייט־לוסטיק, װי מילי־מיליאָסן חיילות פֿון עפּעס אַ יענער־װעלטישער הערשאַפֿט, אַ װילדע, אַ ליצנישע, פֿון מיט פּחדים׳דיקער פּאַר־שייטקייט. װײַזט אויס דאָס קליינע מענטשעלע האָט אָנגענומען, אַז מען האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אויף אַן אונטערגייענדיקער שיף, װײַל ער האָט זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט ביים קאָפּ און גענומען יאָמערן:

— געװאַלד, ראַטעװעט, געװאַלד!...

דער װינט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די האָר, אויפֿגעבלאָזן זיין העמד װי אַ זעגל, און אים אַ שלײַדער געטאָן אויף צוריק. אַ פּייפּעניש איז געװאָרן, אַ הולערײַ און אַ געלעכטער. דער ים האָט געבילט מיט אַ שאַרף בילעניש, װי מחנות כּלבים װאָלטן זיך אַרויס־געריסן פֿון אָפּגרונט און זיך פֿאַרגאַנגען אין איין גרויסער הינטישער יללה...